# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**



געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון נ"ה | בהעלותך-שלח תש"פ


וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ:

# דער יסוד פון עבודת ה'

ב'

## שמירת עינים - דער ערשטער טריט זיך צו דערהייבן און שפירן א נאנטקייט צום באשעפער

*מיר זענען ווייטער ממשיך מיט'ן מאמר **"ודבק ליבנו במצותיך"**, צו ברענגען מפי ספרים וסופרים אז שמירת עינים איז דער שליסל פון א איד צו קענען דינען דעם באשעפער ווי ס'דארף צו זיין און שפירן אין הארץ א נאנטקייט צום הייליגן באשעפער, האבן חיות אין עבודת ה', און שפירן די זיסקייט פון קיום התורה והמצוות. ווידער אויב היט מען נישט די אויגן, איז דאס א שטארקער שטער צו שטייגן אין עבודת ה', ס'שלעפט גאר שטארק אראפ דעם מענטש, און דאס איז גורם צו ווערן אפגעקילט פון דברים שבקדושה. די הייליגע הרגשים וואס א איד פארמאגט נאטירליך ווערן פארלאשן פון שפירן א התעוררות אין עבודת ה'.*

פְּתַח לָהֶם נוֹעַם וָרָצוֹן:

### כוונה און התרגשות ביים דאווענען

ספעציעל ווען ס'קומט צו עבודת התפלה, צו קענען דאווענען מיט הארץ און מח, איז ראיות אסורות א דירעקטער גורם אוועקצונעמען דאס גאנצע חיות און ברען פונעם מענטש. אויב היט מען נישט די אויגן ווי ס'דארף צו זיין, ווערן די הרגשים פארלאשן און מ'קען זיך נישט צוזאמקליבן צו דאווענען מיט כוונה. ווי **מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע** האט זיך אמאל אויסגעדרוקט (מובא בישראל קדושים פ"ז): "מ'קען דערקענען די שמירת עינים פון א איד לויט זיין התרגשות ביים דאווענען!"

דער **מהרי"ט** שרייבט (צפנת פענח פ' כי תצא):[א] "אויב א מענטש באניצט זיך מיט זיינע כוחות הנפש צו טראכטן אומריינע מחשבות, קען זיין נפש נישט טון ריכטיג די עבודת ה' שבלב, וואס דאס איז תפלה".

גאר שטארקע ווערטער שרייבט **הרה"ק מהר"ש מליובאוויטש זצ"ל** (תורת שמואל ח"א עמ' דש), ווי ווייט דאס זיך נישט היטן בקדושה האלט אפ דעם מענטש פון קענען דינען דעם באשעפער מיט'ן ריכטיגן התבוננות און הרגשים צו דביקות אלקות, און פארקערט, די שטארקע פתיחת הלב און תשוקה צום באשעפער וואס א איד איז זוכה צו שפירן דורכדעם וואס ער פירט זיך יא בקדושה:[ב]

ווען ס'קומט צו עבודת ה', טוט יעדע אומריינע מחשבה, דיבור אדער מעשה ברענגען א טמטום הלב און א טמטום המוח. צום ערשט ווערט דער מח פארשטאפט און מען קען זיך נישט מעמק זיין מיט התבוננות אין גדלות ה', און אפילו ווען ס'ווערט יא נתעורר אביסל דעת, קען מען אבער נישט צוקומען צו א התעורות אין הארץ; דאס הארץ עפנט זיך נישט צו שפירן א תשוקה צו אלוקות, ווייל ס'ווערט אינגאנצן פארשטאפט.

אויב אבער היט מען זיך יא בקדושה מיט אלע אירע פרטים ופרטי פרטים, ברענגט דאס א פתיחת הלב, דאס הארץ עפנט זיך און מ'קען שפירן א תשוקה צום אויבערשטן. און דאס מיינט דער מדרש (עי' שה"ש רבה ה, ג) אז דער רבש"ע זאגט, "פתחו לי כחודו של מחט, ואני אפתח לך כפתחו של אולם"

### למען תספר:

## אלעס אדאנק זייער קדושת עינים

**הרה"ק ר' אהרן ראטה זצ"ל** ברענגט אין זיין ספר טהרת הקודש, אז דער גאון **בעל שמן רוקח זצ"ל** איז סוף ימיו געווען בלינד אויףביידע אויגן ל"ע. א צייט איידער ער איז אוועק פון דער וועלט האט ער צאמגערופן זיינע אלע קינדער און אייניקלעך, און זיי געזאגט: "קומטס אהער, וועל איך ענק ווייזן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, וואס ער איז אמת און זיין תורה איז אמת, כדי די אמונה זאל ווערן איינגעווארצלט אין ענק און עטץ זאלטס דאס ווייטער איבערגעבן פאר ענקערע קומענדיגע דורות".

און ער האט זיי ווייטער געזאגט: "עטץ זאלטס וויסן אז אזוי ווי ס'איז דא א גשמיות'דיגע חוש הראיה, אזוי איז אויך דא א רוחניות'דיגע חוש הראיה, און ווען א צדיק וויל, קען ער אלעס זען מיט דעם רוחניות'דיגן חוש". דאן האט ער זיי אנגעהויבן אויסרעכענען אלע איינצלהייטן ווי אזוי זיי זעען אויס און ווי אזוי זיי גייען יעצט אנגעטון, ביז אזעלכע קלייניקייטן ווי די קנעפלעך פון זייערע מלבושים!

הרה"ק רבי אהרן ראטה זצ"ל פירט אויס, אז דאס אלעס האבן צדיקים זוכה געווען בלויז א דאנק זייער קדושת העינים, ווייל אנדערש איז נישט מעגליך צוצוקומען צו אזא רוחניות'דיגער ראיה.

**טהרת הקודש** מאמר שמירת עינים פרק א

## דער סוד פון משפחת אבוחצירא

**הגאון הגדול רבי שמואל וואזנער זצ"ל, בעל שבט הלוי**, האט זיך אמאל געטראפן מיט **הרה"צ המקובל רבי מאיר אבוחצירא זצ"ל**, און זיי האבן אינאיינעם פארברענגט בסוד שיח. בתוך הדברים האט זיך הרב וואזנער זצ"ל געוואנדן צו רבי מאיר'ן פרעגנדיג: "איך זע אז פון אייער משפחה זענען ארויסגעקומען אזעלכע גדולי עולם, קדושים וטהורים, בעלי רוח הקודש. אפשר קענט איר מיר מגלה זיין, וואס איז דער סוד אז אייער משפחה האט אזוי שיין מצליח געווען?"

**המשך אויף זייט 2**


## זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י הרבני הנגיד המפואר
מוה"ר **חיים טאגער** הי"ו
לרגל נשואי בתו למז"ט עב"ג החתן המפולג בתוי"ש כמר **אברהם ארי' הלוי** נ"י בן מוה"ר **משה יצחק העלער** הי"ו
השי"ת יעזור שזכות זיכוי הרבים יעמוד לו ולזרעו שיתברכו בכל מילי דמיטב, ושיזכו לבנות בית נאמן בישראל מתוך נחת והרחבת הדעת, אמן.

## למען תספר:

המשך פון זייט 1

רבי מאיר האט זיך קודם ארויסגעדרייט און נישט געוואלט ענטפערן, אבער נאכדעם וואס דער שבט הלוי האט אים מפציר געווען, האט ער אים געענטפערט, "אויף צוויי זאכן האבן מיינע עלטערן מקפיד געווען מיט אן אויסטערלישער קפידא: אויף היטן די אויגן נישט צו קוקן וואו מען טאר נישט, און זיך צו טובל'ען אין מקוה יעדן טאג."

**ולא שבט הלוי בלבד** דף תלט

## ווי אזוי מ'איז קונה יראת שמים

אין אן אנדערער געלעגנהייט, אין יאר תשל"ח, ווען **הרב וואזנער** האט באזוכט ביי **רבי מאיר אבוחצירא זצ"ל**, האט רבי מאיר ארומגערעדט פון די גרויסע מדריגות אין שמירת עינים פון זיין הייליגן זיידן דער **באבא סאלי זצ"ל**, זאגנדיג:

עס קומען כסדר תלמידים מיר פרעגן ווי אזוי מען איז קונה יראת שמים, וואס איך רעד שטענדיג איבער דעם אז מיר אלע דארפן צוקומען דערצו. איך קען זאגן איין זאך, מיין זיידע זצוק"ל איז געווען א געטליכער, הייליגער מענטש, און **זיינע אלע ספרים זענען געבויעט אויף די צוויי זאכן: שמירת עינים און שמירת הלשון.** דאס דארף יעדער מענטש וויסן, אז ווען מען גייט ארויס אויף דער גאס דארף מען זיך היטן די אויגן, די גאסן זענען פול. אזוי אויך ווען מען גייט אויפ'ן וועג מיט פולע אויטאבאסן, דארף מען זיך זייער אפהיטן.

מיין זיידע פלעגט קיינמאל נישט ארויסגיין פון שטוב, נאר צו א דבר מצוה, אין מקוה אדער צו א ברית. און ווען ער איז שוין יא ארויסגעגאנגען, פלעגט ער פארמאכן זיינע אויגן און אראפגעצויגן זיין סוועטער העכער די אויגן, און ער האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף די משמשים, און נישט געעפנט די אויגן ביז ער איז צוריק אנגעקומען אהיים!

און ער האט געהאט שטארקע, געזונטע אויגן זיין גאנץ לעבן; ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין מיחוש'ן אדער ווייטאגן אויף די אויגן. דאס איז טראצדעם וואס ער פלעגט פאסטן רוב ימיו, און ער איז יעדע נאכט געזיצן און געלערנט, אזוי אויך פלעגט ער שרייבן אסאך חידושי תורה צום שיין פון א בלויזן ליכט, אן קיין לעקטער. מיט דעם אלעם האט אים גארנישט געשאדט, אדרבה, ער האט געהאט געזונטע אויגן.

**ולא שבט הלוי בלבד** דף תלט

– **דו דארפסט בלויז עפענען א טיר ווי דעם שפיץ פון א נאדל, זיך אפצוהיטן פון יעדער אומריינער זאך, און איך וועל דיר עפענען די טיר פונעם 'אולם', אז מ'איז זוכה צו א גילוי אלוקית פונעם קודש הקדשים.**

אין ספר **עבודת פנים** (פ"ג אות טז) טייטשט ער מיט דעם, "**אני ישנה ולבי ער**" - אויב א מענטש מאכט זיך ווי א שלאפעדיגער מענטש, וואס האט פארמאכטע אויגן, דעמאלטס וועט זיין הארץ זיין וואך אין עבודת ה', ער וועט קענען רעדן צום אויבערשטן און שפירן א חיות ביים לערנען און דאווענען.[ג]

דער הייליגער **ערוגת הבושם זצ"ל** שרייבט (חקת ד"ה ויעש), אז א איד קען נישט דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען מיט כוונה נאר ווען ער האט שמירת עינים, שמירת הלשון, און שמירת הברית. און דאס איז מרומז אין פסוק "**זה שמי לעלם**" - ווי אזוי קען מען דערמאנען ריכטיג דעם אויבערשטנ'ס נאמען, אויב האט מען די דריי זאכן וואס זענען מרומז אינעם ווארט "**עלם**", **ע**ינים, **ל**שון, **מ**עור.[ד]

### שתכין לבנו ותכונן מחשבותינו:

## ראיות אסורות זענען מבלבל דעם מח ביים דאווענען

חוץ מזה איז דאס קוקן אויף דברים אסורים פשוט א שטער צו קענען דאווענען מיט כוונה, צוליב דעם וואס די בילדער וואס מ'האט געזען קומען כסדר ארויף אין מח און שטערן די כוונה. ווי דער **פלא יועץ** (ערך ראיה) איז דאס מסביר בהרחבה מיט זיין רייכער שפראך:[ה]

קוקן אויף דברים אסורים ברענגט צו אסאך עבירות. און אפילו א ראיה וואס איז נישט קיין שום עבירה, נאר סתם אז דער מענטש קוקט אויף הבלי עולם הזה, שלעפט דאס אוועק זיין הארץ צו נארישקייטן און ס'איז מבלבל זיין מחשבה, און ער קען זיך נישט קאנצענטרירן צו יראת ה', אהבת ה', און דביקות אינעם אויבערשטן.

אויך ברענגט דאס אז ער זאל נישט קענען אינזין האבן ביים דאווענען און ביים מאכן ברכות אָן דעם וואס ס'זאל זיין אויסגעמישט מיט מחשבות זרות און הרהורים רעים. ווייל די טבע פון א מענטש איז אז ווען ער זעט סיי וועלכע זאך, פאנגט ער אן טראכטן פון דעם, און פון דער מחשבה ציט זיך עס צו א צווייטער מחשבה, און אזוי גייט עס ווייטער און ווייטער, ביז ער ווייסט שוין אפילו נישט ווי אזוי ער איז צוגעקומען צו טראכטן פון דעם אלעם. און ווילאנג ער איז פארזינקען אין די אלע מחשבות, טוט דער צונג דאס זייניגע און ענדיגט דאס גאנצע דאווענען און ער בלייבט מיט גארנישט. ווער האט אים דאס אלעם צוגעברענגט? די ראיה וואס ער האט געזען אין אנפאנג.

און נאך א סיבה איז, ווייל ווען איינער איז פוגם אין די אויגן פון זיין נשמה, די עיני השכל, קען ער נישט דערנאך זען קיין שכליות'דיגע זאכן. דעריבער קען ער נישט קאנצענטרירן זיין דעת צו דברים שבקדושה.

דער **שבט הלוי זצ"ל** שמועסט אויס נאכמער, אז מען זעט בחוש ווי די בילדער וואס שוועבן אינעם מח קומען דייקא ווען מען זוכט צו דאווענען און לערנען מיט כוונה. ווי ער שרייבט אין זיין צוואה במתק לשונו:[ו] "דאס מציאות ווייזט, אז אסאך מאל ווען די

### מקורות והוספות

**א]** צפנת פענח: "אם ישתמש האדם בכוחות הנפש לדברים של חול, כל שכן במחשבות הטומאה, לא תכון הנפש בעבודתו יתברך שבלב - זו תפלה". **ב]** זה לשונו בתוך דבריו: "וכן בעבודה, ע"י פגם הברית הן במעשה והן ברעיון, ואפילו ע"י מותרות, על ידי זה נעשה טמטום הלב וטמטום המוח. שבתחילה נעשה מוחו אטום וסתום שאינו יכול לבוא לידי העמקת הדעת והתבוננות, וכמשתעורר איזה התבוננות, אינו יכול לבוא לידי פתיחת הלב שיפעול איזה מדה ותשוקה לאלוקות, כי היא מטמטמת לבו ממש. וזהו ענין סיבת טמטום הלב מטמטום עון חטאות נעורים. וזהו עצמו 'ערלת הלב', כי הערלה נקראת מה שהוא אטום וסתום, וצריך לעשות מילת הלב, וע"י מה הוא מילת הלב, ע"י נטירת ושמירת הברית בכל פרטים ופרטי פרטים, ע"ז נעשה פתיחות הלב. וזהו 'פתחו לי כחודה של מחט' ועי"ז 'אני אפתח לך כפתחו של אולם' (שה"ש רבה ה, ג), גילוי קודש הקדשים". **ג]** עבודת פנים: "'אני ישנה ולבי ער' (שיר השירים ה, ב) שעיקר החילוק בין ער לישן היא, סגירת עינים והפה, ומי שנשמר כל היום מהסתכלות ודברים בטלים, זוכה לבחינת לבי ער בעבודת השם יתברך, ועל ידי זה שהאדם שומר לבו ומחשבתו בקדושה וטהרה, יזכה שיוכל לדבר לפני השם יתברך בתורה ותפלה. ויש לרמוז בקרא (שמות יג, יט) 'והיה לאות על ידך', זה שמירת הלב (כיון התפילין הוא נגד הלב), 'ולזכרון בין עיניך' זה שמירת המוח, 'למען תהיה תורת ה' בפיך', כדי שתוכל לדבר בפיך לפני השי"ת". **ד]** ערוגת הבושם: "זה שמי לעלם (שמות ג, טו), איתא בספר יצירה דשלש בריתות יש, ברית עינים, וברית הלשון, וברית המעור, וכולן מקושרים ומכוונים זה בזה, ומי שפוגם חס ושלום בברית עינים אי אפשר לו לשמור ברית הלשון בקדושה, וממילא נפגם חס ושלום גם ברית המעור, כידוע כל זה מדברי רבותינו ז"ל, וזה שאמר 'זה שמי לעלם' לעל"ם ר"ת **עינים לשון מעור**, דאי אפשר להזכיר שמו של הבורא יתברך שמו בקדושה ובכוונה, כי אם על ידי שמירת ג' בריתות הנ"ל הנרמזים בראשי תיבות לעל"ם". **ה]** פלא יועץ: "ראיה חמורה שמביאה לידי עבירה, שהעין רואה והלב חומד וכמה רעות רבות ועבירות חמורות באות ע"י העינים. ...ואפילו ראיה שאין בה עבירה כלל, כגון ראית הבלי העולם הזה, גוררת עבירה, שמפנה לבו לבטלה ומבלבלת מחשבתו, ואינו יכול לכוון דעתו ליראה ולאהבה את ה' ולדבקה בו ולכון בתפלותיו וברכותיו כראוי בלי תערובת מחשבות זרות והרהורים רעים. אי מצד שטבע הוא באנוש ובלתי אפשר שיראה דבר או בריה איש או אשה מאדם עד בהמה עד כל נברא ולא יחשוב שום מחשבה עליו ברגע ראיתו, ולפעמים המחשבה מתערבת ונמשכת מדבר לדבר ומענין לענין עד שהאיש משתאה וחושב מהיכן באו לו המחשבות הללו, וחוזר לאחוריו להבין אחרית דבר מראשיתו, ובתוך כך הלשון שליח עושה שליחותו וגומר תפלתו וברכתו ואין מאומה בידו. מי גרם לו תחלת המחשבה, הראיה. וגם בהיות האדם פוגם עיני נשמתו, לא יוכל לראות במושכלות, ועונותיו מבדילין בינו לבין אביו שבשמים ואינו יכול לכוון דעתו".

אויגן האבן אויפגעכאפט א ראיה אסורה - צומאל אפילו פון אלס קליין קינד - קומט דאס בילד צוריק ארויף אין מח יום כיפור ביינאכט, וואס דעמאלט וויל ער באמת נישט טראכטן פון אזעלכע זאכן. **דער רושם פון די ראיה האלט זיך אין איין אויפוועקן ביי אים, און דייקא אין אזעלכע זמנים ווען ער זוכט זיך מדבק צו זיין אין עבודת ה'**, דעמאלטס שטארקט זיך די מלחמה, און דעמאלטס זוכן די כוחות הרע אים מעורר צו זיין צו זאכן וואס ער פרובירט מיט אלע כוחות צו פארגעסן, וויבאלד ס'איז שווער צוצוקומען צו א דבר שבקדושה".

**מרן הגה"ק מסאטמאר זצ"ל** האט אמאל געזאגט: "צומאל קען מען זיך פלאגן זיבעציג יאר מיט איין ראיה אסורה וואס מ'האט געזען!" (מובא בישראל קדושים פ"ז).

פון דעם אלעם זעען מיר אז אויב לעבט מען מיט שמירת עינים, העלפט דאס גאר אסאך אין עבודת התפלה. מ'בלייבט מיט א קלארן מח צו אינזין האבן ביים דאווענען, אָן דעם וואס ס'זאלן ארומשוועבן אין קאפ די אלע בילדער וואס מ'האט געזען. אזוי אויך איז מען זוכה צו האבן א ריינעם מח צו קענען טראכטן מחשבות פון התבוננות אין עבודת ה', און אז דאס הארץ זאל זיין אפן בשעת'ן דאווענען צו מרגיש זיין א דביקות און נאנטקייט צום באשעפער, מיט אהבת ה' און יראת ה', לעבוד את ה' כאשר עם לבבינו.

### קָה אֶכְסוֹף נוֹעַם שַׁבָּת:

## א טעם אין שבת קודש

שמירת עינים איז אויך דער שליסל צו שפירן די ליכטיגקייט און זיסקייט פון שבת קודש. ווי דער **בית אברהם פון סלאנים** שרייבט (חיי שרה ד"ה ואברהם):[ז] "ווי מער א מענטש היט זיינע אויגן, אלץ מער איז ער זוכה צו מרגיש זיין די זיסקייט און תענוג פון שבת קודש!" דאס זעלבע שרייבט ער אויך אין א צווייטן פלאץ (בראשית עה"פ ויראו בני האלקים):[ח] "דער וואס היט זיינע אויגן פון הסתכלות האסורות, דער באקומט א מתנה די ליכטיגקייט פון שבת קודש".

אזוי שרייבט אויך **הגה"צ רבי מנחם מענדל שטערן זצ"ל**, אב"ד סיגוט (דרך אמונה פ' שלח ד"ה עוד):[ט] "די וואס היטן זיך די אויגן, זיי זענען מקבל די קדושה פון שבת מיט שמחה און מיט הייליגע מחשבות".

### מְשׁוֹךְ נוֹעַם יִרְאָתֶךָ:

## מען איז זוכה צו יראת שמים

אויך איז שמירת עינים א סגולה צו קונה זיין יראת שמים ויראת חטא. ווי דער **בית אברהם פון סלאנים** שרייבט (וזאת הברכה עה"פ ולכל המורא הגדול):[י]

**יראה איז די זעלבע אותיות ווי ראיה, ווייל דורכדעם וואס א איד היט זיינע אויגן און ער קוקט נישט וואו ס'איז אסור, ווערט נמשך אויף אים יראת ה'. אבער איינער וואס היט נישט די אויגן, דער איז ווייט פון יראת שמים. דאס איז פונקט ווי בגשמיות קען מען דערקענען אויף א מענטש'נס אויגן אויב ער איז קראנק, אזוי ווי חז"ל זאגן אז ווען די אויגן זענען געזונט, ווייסט מען אז דער גאנצער איבריגער קערפער איז געזונט.**

נאכמער שטייט אין **פלא יועץ** מורא'דיגע ווערטער (ערך קדושה),[יא] אז ווען א איד היט זיינע אויגן און זיין הארץ, ווערט ער געהייליגט און ער ווערט ממש ווי דער היכל ה', די שכינה רוט אין זיינע איברים,[יב] און ממילא ווערן זיינע איברים דערנאך פון זיך אליין ציטערן צו טון אן עבירה. **ווייל כאטש דער מענטש זעט טאקע נישט ווי די שכינה רוט אויף אים, אבער זיין נשמה שפירט דאס יא, און דערפאר האט ער מורא פון אן עבירה.** און דאס איז פשט פון "מצוה גוררת מצוה", ווייל אז מען טוט איין מצוה, באקומט דער אבר א קדושה, און דערנאך האט ער שוין פון זיך אליין מורא צו טון דערמיט אן עבירה, עכת"ד.

המשך המאמר בגליון הבא אי"ה

## מי כעמך ישראל

המשך פון זייט 4

"איך בין אריין צו ר' יעקב אלעזר זיך דורכרעדן, איך לייג אים אראפ מיין מצב, און צו מיין וואונדער זאגט ער מיר: 'אז דו קומסט מיר פרעגן, וועל איך דיר זאגן דעם אמת. איך האלט אז על פי הלכה טאר מען נישט ארבעטן אויף אינטערנעט אויב ס'איז דא אפילו א קליינער פראצענט פון ראיות אסורות וואס גייען דורך. און היות דאס מציאות איז אז אפילו מיט א גוטן פילטער גייט נאך אלץ דורך א געוויסער פראצענט ראיות אסורות, ס'איז נאר א בחינה פון הבוחר הרע במיעוטו, דעריבער האלט איך אז ס'איז נישט מותר.' ער האט מיר צוגעלייגט אז ער ווייסט ס'זענען דא מתירים אויב האט מען א גוטן פילטער, אבער ער האלט אז ס'איז נישט מותר, און ער האט מיר מסביר געווען בטוב טעם זיינע נמוקי האיסור פארוואס מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף קיין שום היתר ווען מ'זיצט קעגנאיבער א סקרין. אזויפיל האט ער מיר געזאגט אז ס'איז דא א וועד "לטהר" אין סקווירא, וואס זיי האבן א גענצליך כשר'ן אימעיל סיסטעם, און איך קען זיי אפשר פרעגן וועגן א הונדערט פראצענטיגן פילטער.

"איך בין געווען אין א פארלעגנהייט. פון איין זייט קען איך טרעפן גענוג היתרים, אבער פון דער אנדערער זייט וויל איך טאקע נישט נכשל ווערן **אפילו איין מאל** מיט א ראיה אסורה. נישט פאר דעם גיי איך ארבעטן, אז ס'זאל מיך ארעפציען אינגאנצן. איך האב אנגערופן "לטהר", און זיי האבן מיר געזאגט אז דער איינציגער אזא פילטער איז "נעט-פרי". דאס איז א פירמע וואס האט א שטאב מיט גוים וועלכע פילטערן "לייוו" די אינטערנעט בשעת מ'ניצט דאס, און נאר נאכדעם וואס זיי האבן דורכגעקוקט דאס זייטל, עפענען זיי דאס, און דאן בלייבט עס שוין אפן. איך האב זיי טאקע אנגערופן און זיך אויפגעשריבן, און ב"ה איך האלט שוין יעצט נאך א לאנגער תקופה פון ווען איך האב אנגעהויבן ארבעטן, און איך קען זאגן מיט א פולן מויל אז איך האב נאכנישט געזען **אפילו איין** ראיה אסורה, כאטש איך האב שוין געדארפט באזוכן גאר אסאך זייטלעך. אלעס א דאנק דעם חשוב'ן דיין וואס האט מיר קלאר ארויסגעזאגט זיין דעת תורה, אויף וואס איך בין אים גאר שטארק דאנקבאר. (איך בין מפרסם דעם נומער פון "נעט-פרי" למען זיכוי הרבים: 718-400-8838.)"

יהא זכרו ברוך!

### מקורות והוספות

**ו]** מתוך צוואת שבט הלוי: "הנסיון למדני, שיתכן מאד שדבר לא טהור שקלט העין אפילו פעם אחת בקטנותו, תתגלה לפניו התמונה בליל כל נדרי, אשר רוצה באמת להרחיק דברים כאלה, מכל מקום הרושם שנשאר מנערותו חוזר וניעור מפעם לפעם, ודוקא כשמבקש דביקות לעבודת ה', כי אז מתגברת המלחמה, כי קשה להגיע לדבר שבקדושה, כי דוקא אז כוחות הרע מעוררים אותו למה שהיה כבר שכוח ממנו ושרוצה לשכחו בכל כחו". **ז]** בית אברהם: "בשבת קודש כתיב ביה 'ויברך ויקדש' (בראשית ב, ג), כל כמה ששומר את עיניו ושפתיו וכו' בקדושה יתירה, זוכה לברכה מיוחדת להרגיש נועם תענוג שבת קודש". **ח]** בית אברהם: "השומר את עיניו, נותנים לו בשכר זה אור שבת שהוא מעין עולם הבא, בחינת אטייל עמו בגן עדן". **ט]** דרך אמונה: "במנחה ערב שבת מסיימים 'יראו ישרים וישמחו' (תהלים קז, מב). כי אלו השמחים בראיית עיניהם (כלומר ששומרים עיניהם כראוי) הם מקבלים קדושת שבת בשמחה וקדושת מחשבתם". **י]** זה לשונו בהרחבה: "'יראה' אותיות 'ראיה'. על ידי ששמורים את הראיה מהסתכל באסור, על ידי זה נמשך יראה מלפניו יתברך, אבל מי שאינו שומר את עיניו, הוא רחוק מיראת שמים. כמו באדם כשהוא חולה מכירים בעינים. ומרומז במאמר חז"ל (תענית כד.), 'כלה כל זמן שעיניה יפות אין כל גופה צריכה בדיקה'. וזהו 'ולכל המרא הגדול אשר עשה משה **לעיני** כל ישראל' שהשפיע עליהם שישמרו את העינים, ועל ידי זה המשיך עליהם 'המורא הגדול' עד שהיה יראה מילתא זוטרתא (ברכות לג:)". **יא]** פלא יועץ: "קדושת האדם תלוי' בשמירה מכל חטא, במחשבה, דיבור ומעשה, ובפרט במקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה (ויק"ר כד, ו). וגדר ערוה היינו שיהא עוצם עיניו מראות ברע, וירחיק מלבו מחשבות זרות והרהורים רעים, וכיון שמקדש עיניו ולבו שהם תרי סרסורי דעבירה, ממילא יזכה לסדר קדושה ויתקדש כל גופו. וזהו פשט הכתוב דכתיב 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וגו' למען תזכרו וגו' והייתם קדושים לאלקיכם', ומשום הכי כתיב (משלי כג, כו) 'תנה בני לבך לי ועיניך דרכי תצורנה'. וכבר כתבו המקובלים **שבכל אבר שעושה בו עבירה ממשיך עליו רוח טומאה על אברי נפש ורוחו ונשמתו, כל קבל דנא, האבר שמקיים בו מצוה ממשיך עליו שפע קדושה** וכו'. וזהו הטעם שמצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה (אבות פ"ד מ"ב), שהמקדש אבריו 'היכל ה' המה' (ירמיה ז, ד), כמאמר רבותינו ז"ל על הפסוק (שמות כה, ח) 'ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם', בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, ואפשר שכינה עמו וחטא בא על ידו, **דאף על גב דאיהו לא חזי מזליה חזי** (מגילה ג.) **והנשמה יראה מלחטוא**". **יב]** עיין באריכות במאמר התחזקות, גליון נג - ל"ג בעומר תש"פ.

# מכתבים למערכת:
לערנבארע מעשיות און איינענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע לייענער פונעם גליון

## זיבן יאר נישט ארויסגעטראטן אינדרויסן

לכבוד די ארויסגעבער פונעם חשוב'ן בלעטל "מאמר התחזקות" אויף שמירת עינים.

איך האב געליינט אייער גליון פון פסח, וואו איר באשרייבט זייער שיין די געוואלדיגע קדושה וטהרה פונעם גרויסן גאון בעל שבט הלוי זצ"ל. איך וויל מוסיף זיין וואס איך האב געהערט פון מיינעם א חבר, א תלמיד פון **הרב וואזנער זצ"ל**.

ווי באקאנט האט דער שבט הלוי געלערנט אלס בחור אין ישיבת חכמי לובלין, ביי הגה"צ ר' מאיר שפירא זצ"ל. אנקומענדיג אין ישיבה פון זיין געבורטשטאט ווין, א פארגעשריטענע, ציוויליזירטע שטאט, האט ער גענומען אויף זיך א קבלה אז ער גייט יעצט אריין אינעם בנין הישיבה, און ער קומט נישט פון דא ארויס ווילאנג ער בלייבט דא לערנען.

אזוי האט ער טאקע געטון, **זיבן יאר אין א צי** איז ער געזיצן און געהארעוועט על התורה, נישט איבערטרעטנדיג דעם שוועל פון ישיבה ארויסצוגיין פאר סיי וועלכער סיבה; נישט פאר עסן, נישט פאר קליידער, און פאר סיי וואס.

די מעשה האב איך געהערט שוין יארן צוריק, און ס'איז מיר שטארק אריין אין די ביינער. זייענדיג א משגיח אין א ישיבה, באטאן איך דאס כסדר פאר די בחורים, אז אזא גאונות און קדושה וואס מ'האט געזען ביים שבט הלוי קומט נישט פון זיך אליין, נאר טאקע דורך אזא הארעוואניע וואס ער האט געמאכט אין זיינע יונגע יארן.

דער אויבערשטער זאל אייך געבן אסאך כח און מח אויסצופירן אייער הייליגע ארבעט, צו פארשפרייטן די וויכטיגקייט פון שמירת עינים און קדושה וטהרה צווישן אידישע קינדער.

**ברוך מרדכי קופערשטיין**

## זיי פארשטייען אויך

מיין מאמע איז געווען אמאל אין א רעגירונג אפיס. ס'איז געווען דארט נאך א יונגערמאן, און די באאמטע האט אים געבעטן זיין אדרעס. האט דער יונגערמאן אפגעשריבן זיין אדרעס אויף א צעטל און איר עס אהינגעגעבן.

זעענדיג מיין מאמע, האט איר די פרוי געפרעגט וואס איז פשט פון דעם יונגערמאנ'ס אויפפירונג. האט איר מיין מאמע ערקלערט אז ער איז זייער ערליך און ער וויל נישט קוקן אויף פרעמדע פרויען.

די פרוי איז מורא'דיג באגייסטערט געווארן, אנרופנדיג זיך: "הלוואי זאל מען ביי אונז אויך זיין אזוי אפגעהיטן - ס'וואלט איינגעשפארט אסאך עגמת נפש!"

(-)

## נישט געבליבן פארכאפט ביים ים המלח

איך בין געווען אין ארץ ישראל, און דעם לעצטן טאג איידער איך בין אהיימגעפארן האב איך מחליט געווען צו גיין צום ים המלח. איך האב גערעדט מיט מיין טאטן, און ער האט מיר געזאגט אז ביים ים וואו דער עולם גייט קען זיין שטארקע פריצות, דעריבער זאל איך ענדערש גיין עטליכע מייל ארויפצו, דארט איז דא א פלאץ וואו ס'איז ליידיג. אזוי האב איך טאקע געטון.

זייענדיג דארט האבן זיך געמאכט שווערע פארפלייצונגען, צווינגענדיג צו אפשפארן דעם שאסיי, און ס'איז ארויסגעקומען אז אלע וואס זענען געווען ביים ים אויפ'ן געווענליכן ארט האבן געמוזט מאכן גאר א גרויסן אומוועג צו קענען אוועקפארן פון דארט. וואלט איך געווען דארט, וואלט איך אויך געבליבן פארכאפט אין דער שאסיי פארשליסונג און איך וואלט פארפאסט מיין פליגער אויפ'ן וועג אהיים.

(-)

## מי כעמך ישראל

# ויעק"ב הלך לדרכו

**דברי זכרון על המנוח הרה"ג ר' יעקב אלעזר מענדלאוויטש ז"ל**

מו"ץ בקיי"ל דסאטמאר ק"י ורב דביהמ"ד ומח"ס הלכה ברורה

איינער פון די טייערע קרבנות וואס כלל ישראל האט געליטן און דער לעצטער תקופה איז די פארלוסט פונעם חשוב'ן מורה הוראה **הרה"ג רבי יעקב אלעזר מענדלאוויטש ז"ל, רב דביהמ"ד ומח"ס הלכה ברורה**, וועלכער איז נפטר געווארן ל"ע אינעם יונגן עלטער פון 53 יאר, איבערלאזנדיג נאך זיך א גרויסן חלל. סיי מצד די פילע שואלים וואס האבן נהנה געווען פון אים בדבר ה' זו הוראה, וואו ער האט געענטפערט יעדן שואל מיט א זעלטענער רואיגקייט און קלארקייט, און סיי פאר זיינע תלמידים וואס האבן זיך שואל עצה געווען מיט אים אויף יעדן טריט לדעת את המעשה אשר יעשון.

דער חשוב'ער דיין ז"ל האט געהאט א ספעציעלעווארעמקייט צו אלעם וואס איז נוגע עניני קדושה וצניעות, טעכנאלאגיע און שמירת עינים, ווען ער זעלבסט איז געווען פון די רבני "וועד לטהרינו" אין קרית יואל יע"א וואס גיבט זיך אפ מיט עניני טעכנאלאגיע. ער איז שטענדיג געשטאנען צו דער האנט ביי יעדער מערכה וואס מ'האט געטון למען טהרת ישראל. אויך פאר "הוצאת טהור עינים" איז ער אייביג געווען גרייט אוועקצוגעבן צייט איבערצוקוקן די הלכות וואס מיר זענען מפרסם, און מיט זיין חכמה און ישרות האט ער אויפגעמערקט און פאררעכטן, און ער האט אונז שטארק מחזק געווען און כסדר זיך נאכגעפרעגט איבער די פעולות פון די הלכות און מאמרים אויף שמירת עינים.

ווען מיר פרעגן זיינע תלמידים עפעס דברי זכרון אויפן דיין ז"ל בנוגע שמירת עינים, איז דער תירוץ, "ס'איז נישט שייך צו דערציילן - ער איז געווען איין שטיק שמירת עינים! ווען מ'איז נאר אריינגעקומען ביי אים אין בית הוראה, זענען אויפ'ן טיש געליגן ספרים און קונטרסים אויף די אלע ענינים". דער דיין ז"ל האט אויך געשריבן בירורי הלכה אויף די ענינים, וואו ער גייט אריין בעומק אין די פרטי ההלכה פון שמירת עינים, ובפרט איבער אלעס וואס איז נוגע צו דער היינטיגער טעכנאלאגיע.

~

א תלמיד דערציילט אז ער האט אים אמאל געפרעגט ווי אזוי מ'דארף גיין אויף דער גאס. האט ער אים געענטפערט: "מ'דארף גיין מיט אויגן אראפ, קוקנדיג בלויז אין די ד' אמות פון פארנט, און אזוי ארום אכטונג געבן אז מ'זאל נישט אריינקלאפן אין קיין זאכן. און אויב קומט אריין אין די ד' אמות עפעס וואס מ'דארף נישט זען, דרייט מען אוועק די אויגן פון דארט."

דער דיין ז"ל איז טאקע געווען א נאה דורש ונאה מקיים. כאטש וואס ער האט אכטונג געגעבן אלעמאל נישט צו טון קיין איבערגעטריבענע זאכן, איז ער געגאנגען אין גאס מיט די אויגן אראפ און מיט רואיגע טריט און זיך שטארק אכטונג געגעבן אויף זיינע אויגן.

~

איינער פון זיינע קינדער דערציילן: "איך האב מיך אסאך געלערנט פונעם טאטן וואס דאס מיינט שמירת עינים. ער האט נישט געפירט קיין מלחמות גייענדיג אויף דער גאס, נאר ער פשוט געווען שטארק איינגעוואוינט צו גיין מיט די אויגן אראפ און ער האט פון זיך אליין גארנישט געזען. אמאל האט ער געזאגט אז ער גייט יעדן פרייטאג אין געשעפט עפעס איינקויפן לכבוד שבת, און טראץ וואס דאס געשעפט איז דעמאלטס שטארק פארנומען, האט ער נאך קיינמאל נישט געזען וואס מ'דארף נישט. ווייל ער איז געווען אזוי איינגעוואוינט מיט אזא רגילות, אז פון זיך אליין האט ער נישט געזען."

~

א חשוב'ער יונגערמאן דערציילט: "ר' יעקב אלעזר האט מיך ממש געראטעוועט. געווען איז דאס ווען איך בין ארויס פון כולל בערך צען יאר נאך מיין חתונה און איך האב געזוכט א פרנסה. איך האב געטראפן א גוטע ארבעט וואו מ'דארף כסדר ארויפגיין אויף פארשידענע זייטלעך אויף דער אינטערנעט, פארשטייט זיך ס'איז געווען דארט אינעם אפיס א גוטן, היימישן פילטער.

המשך אויף זייט 3

הוצאות
טהור עינים
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950
פאר נדבות, הערות, רופט:
802.327.3592
*נשמח לשמוע הערות
צו מנדב זיין אין לאנדאן רופט:
447966658159
צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
845.206.9879
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

זכות 6,000 גליונות
נתנדב ע"י ידידינו
הרה"ח ר' וועלוול גאלדשטיין שליט"א
לרגל נשואי בנו למז"ט כמר ארי' לייב נ"י עב"ג בת מוה"ר יחזקאל יואל סאמעט הי"ו
שתתקיים בשעה טובה ומצלחת
יום ה' בהעלותך
באולם המפואר פאראדייס
השי"ת יעזר שזכות זיכוי הרבים יעמוד לו שהזיווג יעלה יפה ויזכו לבנות בית נאמן בישראל מתוך נחת והרחבת הדעת אמו

על הטוב יזכר
זכות 3,000 גליונות
נתנדב לע"נ הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ זי"ע
זכות 2,500 גליונות
נתנדב ע"י
מוה"ר יחיאל מיכל שווארץ הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
ואלו שקנו
זכות 1,000 גליונות:
הרה"ח ישראל משה לאנדא הי"ו
לרגל נשואי בנו למז"ט
הרה"ח חיים בצלאל בלום הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר הערשל שווארץ הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר אברהם סטראלעוויטש הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
הר"ר שמואל אהרן פרידמאן הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר הרוצה בעילום שמו הי"ו
לע"נ לוי בן חנני' יו"ט ליפא (אילאוויטש), וזוגתו, ע"ה